וויסנשאַפֿט און רעוואָלוציע (קיעוו) 1935, נומ׳ 3-4

מאקס עריק

# וועגנ שאָלעמ־אליכעמס „קסאָווימ פונ א קאָמיוואָיאזשאָר"[1])

1

די „קסאָווימ פונ א קאָמיוואָיאזשאָר" („אײַזנבאנ־געשיכטעס") געהערנ צו שאָלעמ־אליכעמס מײַסטערווערק. אינ דער רעשימע פונ שאָלעמ־אליכעמס באדײַטנדיקסטע אונ קינסטלערישסטע ווערק קאָנענ זיי פארנעמענ אנ אָרט גלײַכ נאָכ אזעלכע שעדעווערנ, ווי „מענאכעמ־מענדל", „טעוויע" אונ „מאָטל דעמ כאזנס".

די גאנצע סעריע באשטייט פונ 20 געשיכטעס. דערפונ זײַנענ 14 פארפאסט געוואָרנ אינ די יאָרנ 1909—1910. צו דער בוכ־אויסגאבע האָט שאָלעמ־אליכעמ צוגעגעבנ נאָכ 6 געשיכטעס, געשריבנ אינ א פריִערדיקנ פעריִאָד, 1902—1903. אינ די דאָזיקע עלטערע געשיכטעס האָט שאָלעמ־אליכעמ ארײַנגעטראָגנ קליינע ענדערונגענ, קעדיי זיי ארײַנצופאסנ אינ דער „באנ־אטמאָספער" פונ די קלוימערשטע קסאָווימ פונ א קאָמיוואָיאזשאָר. די דאטעס פונ די באזונדערע געשיכטעס:

1902: גימנאזיע, פונעמ פריזיוו, א ניסרעפ, באשערט אנ אומגליק, דריטע קלאס.

1903: מע טאָר ניט זײַנ קיינ גוטער.

1909: קאָנקורענטנ, דער גליקלעכסטער אינ קאָדני, סטאנציע באראנאָוויטש, צוגעזומענ, א מענטש פונ בוענאָס־אײַרעס, קיוועראָוועס, דער לײדיקגייער, דער נעס פונ הוישײַנע־ראבע, א כאסענע אָנ קלעזמער.

1910: דער טאלעסקאָטנ, א זעקס־אונ־זעכציק, גימאָ קיינ מאזל, רופ מיכ קנאקניסל, דער צענטער.

שאָלעמ־אליכעמ האָט געהאט בעדייע ווײַטער צו פירנ די דאָזיקע סעריע. אינ שאָלעמ־אליכעמס נאָטיצ־ביכלעכ זײַנענ פארצייכנט אזעלכע קעפלעכ פונ ווײַטערדיקע געשיכטעס: „קסאָווימ פונ א קאָמיוואָיאזשאָר: דאָס קנעפל. ווער פונ זיי. פראָוויזאָר נאפטאלינ וועגעטאליעוויטש. אונדזער לאָשנ. אָדעסער טיפּנ, אונ א סאכ אנדערע". פונעמ „קנעפל" איז א פראגמענט אָפגעדרוקט אינעמ „שאָלעמ־אליכעמ־בוכ", ז. 338—340 (געשריבנ 1913). צו די פלאנירטע ווײַטערדיקע מײַסעס האָט, מעגלעכ, א שײַכעס אויכ דער פראגמענט „אונדזער לאָשנ" (פובליקירט דאָרט, ז. 347). דער פראגמענט „דער טאטע אונ דער זונ", וואָס איז פארעפנטלעכט אינעמ „שאָלעמ־אליכעמ־בוכ" ז. 335—336, געהערט, מיינ איכ, צו דער פראָיעקטירטער נאָוועלע „ווער פונ זיי".

---

1) פאָרוואָרט צו דער „עמעס"־אויסגאבע פונ די „קסאָווימ פונ א קאָמיוואָיאזשאָר".



11—1281

דער גרונטשטאָק פון די „קסאָווים" איז, אלזאָ, אנטשטאנען אין די יאָרן 1909—1910. אינעם יאָר 1908 איז שאָלעם־אליכעם פּלוצלינג קראנק געוואָרן אפ א שארפן טובערקוליאָז אין די לונגען, און נאָך אינעם יאָר 1909 האָט ער אָפּט געקרענקט און איז געלעגן אין בעט מיט א געהעכערטער טעמפּעראטור. אינעם יאָר 1910 האָט זיך זיין געזונט־צושטאנד פארבעסערט; ביידע יאָרן, 1909—1910, פארברענגט שאָלעם־אליכעם אונטער דער אופזיכט פון דאָקטוירים אין די קורפלעצער נערווי, סט. בלאזיען (שווארצוואלד), לוגאנאָ, לוצערן. „מיט א שטיפטל שרייבט שאָלעם־אליכעם, ליגנדיק אין א סאנאטאָריע צווישן האלבע מייסים"—קלאָגט ער זיך אין א בריוו. וועגן דער ווירקונג פון דער קראנקייט אפ שאָלעם־אליכעמען דערציילט זיין איידעם בערקאָוויטש: „מיט זיין קראנקייט איז ער געוואָרן איינגעהאלטענער... געשפּאצירט פּאמעלעך, פארטראכט, מיט א שטילן שמייכל אפן קאָנצענטרירטן פּאָנעם", און בערקאָוויטש האלט, אז דאָס האָט באווירקט אפילע ש"אס שאפן: „די זעלבע איינגעהאלטנקייט און פארטראכטקייט פונעם שמייכל האָט זיך אויך געלאָזט פילן אין זיינע לעצטע שאפונגען".

די „קסאָווים פון א קאָמיוואָיאזשאָר" געהערן ווירקלעך צו שאָלעם־אליכעמס טרויעריקסטע זאכן. א געשיכטע פון א יידן, בא וועלכן ס'באגייט זעלבסטמאָרד די איינציקע טאָכטער („קייווער־אָוועס"). א געשיכטע פון א יידן, בא וועלכן עס שטארבט דער זון („דער גליקלעכסטער אין קאָדני"). א באגעגעניש מיט א זאט־צופרידענעם פּרויענהענדלער („א מענטש פון בוענאָס־איירעס"). א פּאָגראָם־געשיכטע („א כאסענע אָן קלעזמער"). פּראוואָזשיטעלסטווע־צאָרעס („רופ מיך קנאקניסל") א. אז. וו. דער געלעכטער איז טרויעריקער, בייזער, סארקאסטישער, ווי אין אנדערע זאכן שאָלעם־אליכעמס. ער בויט זיך שטארקער אפן טראגיקאָמישן קאָנטראסט, און עס דאָמינירט דאָס איראָניש־טראגישע, וואָס קערט איבער די גאנצע שפּיל פון געלעכטער און לאָזט איבער א ביטערן בייטאם. דאָס איז שייעך ניט בלויז צום גאנצן געבוי פון די איינצלנע געשיכטעס („דער גליקלעכסטער אין קאָדני" איז דער אומגליקלעכסטער, דער טריומפירנדיקער דערציילער פון „רופ מיך קנאקניסל" איז דער געליטענער א. אז. וו.), נאָר אויך צום דעטאל:

„ערשטנס, פרעג איך א קאשע: וואָס איז דער טייכל, וואָס מע דארף מוירע האָבן פאר א פּאָגראָם? מעמאָנעטעך... און וועהאשייניס, וועל איך אייַך ניט זאָגן; עס קאָן זיין, איך וואָלט עפשער אויך וועלן באהאלטן זיך אפ דער הייטער שאָ. פרעגט זיך אָבער: ווו באהאלט מען זיך?",

„מע ווערט געוואָר איינס בא דעם אנדערן קאָל האצאָרעס מיט אלע רעדיפעס מיט אלע צאָרעס, וואָס עס טוט זיך אָפּ אפ דער וועלט — ס'א מעכייַע!".

„מיר איז אָט דער פארשויב גלייַך געפעלן געוואָרן, מיר איז געפעלן זיין ברייטקייט, מיט זיין שפּראך, מיט זיין האלטן אונדז אלעמען פאר בעהיימעס. איך האָב ליב, איך בין מעקאנע אזא יידן".

אפ דער זעלביקער סארקאסטישער קאָנטראסטן־שפּיל איז געבויט דער עפּילאָג „דריטע קלאס", ווו די אפּאָלאָגיע גייט קעסיידער איבער אין כויזעק.

אפילע די געציילטע פייזאזשן אינעם בוך זיינען אָסיענדיק־פארכמארעט, פארוויינט און אויסזיכטלאָז:

„...געווען איז דאָס אָסיענצייט, אין א רעגנדיקן טאָג, דער הימל איז געווען וויינענדיק, די ערד — וויסט און טינצטער..." („קאָנקורענטן").

„אָסיענצייט, ארום נאָך סוקעס. ס'איז ניט הייס און ניט קאלט, און איר קוקט ניט אָן דעם פארוויינטן הימל מיט דער קלאָגעדיקער פארכוישעכטער ערד. טראָפּנס רעגן שטייען אין די פענצטער, קייקלען זיך אראָפּ אפן פארשוויצטן גלאָז, אזוי ווי טרערן... כאפּט א קוק אין דרויסן ארויס, און איר דערזעט פונדערווייטנס א וועגעלע שלעפּט זיך, טיאָפּקעט אין דער בלאָטע. אפן וועגעלע זיצט, איינגעבויגן אינדערייען, א גאָטס באשעפעניש מיט א זאק איבערגערעקט און לאָזט אויס זיין ביטער הארץ צום פערדל נעבעך, אויך גאָטס א באשעפעניש..." („דער גליקלעכסטער אין קאָדני").

„אין דרויסן שמעקט מיט ראָשכוידעס עלעל, אפן הארצן איז ראָשכוידעש־עלעלדיק"... („קייווער־אָוועס").

די „קסאָווים פון א קאָמיוואָיאזשאָר" געהערן צו שאָלעם־אליכעמס טרויעריקסטע זאכן, און דאָס ניט געקוקט אפ דער גרויסער צאָל אויסגעצייכנטע אנעקדאָטן און גלייכווערטלעך, וואָס זיינען צעשפּרייט אפן גאנצן שעטעך פונעם בוך, ניט געקוקט אפ אייניקע לייַכטערע זאכן, ווו שאָלעם־אליכעם לאכט פריי און סע פעלט קימאט אינגאנצן דער עלעמענט פון טראגיזם (ווי צ. ב. „דער לידיקגייער", „דער נעס פון הוישייַנע־ראבע", „א זעקס־און־זעכציק"), ניט געקוקט ענדלעך אפ שאָלעם־אליכעמס גאנצער באמיִונג צו פארזיסן די ביטערע פּיל דורך הומאָר, אָפּצושוואכן דורך געלעכטער דעם גאנצן געשילדערטן שוידער. וועגן אָט דער פונקציע פון זיין הומאָר האָט שאָלעם־אליכעם זיך אָפּגעגעבן א קלאָרע רעכענונג. טאקע אין צוזאמענהאנג מיט די „קסאָווים פון א קאָמיוואָיאזשאָר" שרייבט שאָלעם־אליכעם אין א בריוו צו זאבלודאָווסקין פונעם 12 סענטיאבער 1909:

„דאָס לעבן איז רייַך מיט פאקטן, פול מיט קוריאָזן, אסאך אומגליקן, א יאם טרערן, וועלכע, אז זיי וועלן דורכגיין דורך מיין פריזמע, וועלן זיי שוין בעמיילע ווערן לאכנדיק"... („ש"א־בוך", ז. 295).

ס'וואָלט אָבער געווען ניט ריכטיק צוצושרייבן די געדריקטע שטימונג, וואָס הערשט אינעם בוך, אויסשליסלעך אָדער הויפּטזאכלעך דער ווירקונג פון שאָלעם־אליכעמס קראנקייט. די „אסאך אומגליקן", דער „יאם טרערן", וועגן וועלכע ס'רעדט שאָלעם־אליכעם און וועלכע ער שילדערט אין די „קסאָווים", שפּיגלען אָפּ אפ אן אייגנארטיקן, שאָלעם־אליכעמדיקן אויפן די פינצטערע יאָרן פון רעאקציע נאָך דער רעוואָליוציע פון 1905, דאָס ווילדעווען פון דער פּריציש־בורזשואזער קאָנטררעוואָליוציע, די אכזאָריעס פון די צארישע סאטראפּן, די פארשטארקטע נאציאָנאלע אונטערדריקונג פון דער יידישער באפעלקערונג, די יערידע־ און געפאלנקייט־שטימונגען באַם קליינבירגערטום. אין דער דאָזיקער אטמאָספער וויקלען זיך טאקע פאנאנדער די געשיכטעס פונעם בוך:

„איך בין, מיט גאָטס הילף, א רייַזנדער, דאכט מיר, ניט דאָס ערשטע יאָר. און קאָן זאָגן, אז ס'איז שוין לאנג ניט געווען בא אונדז אזא גערעט אפ קייווער־אָוועס, ווי הייַנטיקן ראָשכוידעש עלעל.." („קייווער־אָוועס").

„ניט געהאלטן זיך בא דער מילכאָמע קיין פּיגט מינוט, טוט מען א שפּרונג גלייַך צו דער רעוואָליוציע. פון דער רעוואָליוציע גיט מען זיך א וואָרפּ אין דער קאָנסטיטוציע, און פון קאָנסטיטוציע פאלט מען שוין בעמיילע אריין אין די פּאָגראָמען, מיט די רעציכעס, רעדיפעס און בזיירעס אפ יידן, מיטן טרייַבעניש פון די דערפער, מיטן לויפעניש קיין אמעריקע, מיט די איבעריקע צאָרעס און שלעק־פּוראָניעס, וואָס מע הערט זיך אָן אין הייַנטיקע שיינע צייַטן, אָנזעצן: עקספּראָפּריאציעס, וואָיענע פּאָלאָזשעניע, טליִעס, הונגער, כאָליערע, פּורישקעוויטש, אזעוו..." („סטאנציע באראנאָוויטש").

טונקלקייט, צו ניט מאָטיווירטקייט. מאָדנע קלינגט, צ. ב., אינעם מויל פון דער פארמעגלעכער יידענע פון „גימענאזיע" די שיך ניט סאָציאַליסטישע פאָדערונג פון „א וועלט פון אלע גלייך, אוים אָרעם און רייך, אוים הארעלע קנעכטעלע, אוים שעפעלע שטרעלע, אוים הינטעלע האווקעלע, אוים קעצעלע דראפעלע, אוים מייזעלע בייסעלע". שפראכלעך־הומאָריסטיש איז עס גאנצ אינטערעסאנט, דער שפרונג איז אָבער ניט מאָטיווירט, דער אריבערגאנג איז צו האסטיק און ניט ווארשיינלעך.

אויב טשעכאָוו האָט געהאלטנ פונעם „ניט־דערזאָגנ": „בעסער איז ניט דערזאָגנ, איידער איבערזאָגנ, וואָרעם... וואָרעם... איך וויים אליינ ניט פארוואָס" (בריוו צו אי. ל. שטשעגלאָוונ פונעם 22 יאנוואר 1888). סיי בא טשעכאָוונ, סיי בא שאָלעם־אליינעמענ איז דאָס ניט־דערזאָגנ אינ א באדייטנדיקער מאָס אנ אויסדרוק פונ אידייי־שער וואקלדיקייט און ניט־אנטשלאָסנקייט, פונ אָפּהאלטנ זיך פונ פארנעמענ אנטשיידענע פּאָזיציעס, פונ מוירע פאר אנטשיידענער קריטיק.

און אויב די מאָנאָלאָג־פאָרם האָט די מייַלע, וואָס זי עפנט פאנאנדער גלייך און דירעקט דעם כאראקטער פונעם דערציילער, וואָס זי גיט גלייך און דירעקט דעם באווייז פונעם האנדל־וואנדלדיקנ טיפּאוש, פונ זייַנ אויפנ פונ דעאגירנ אפ וויכטיקע היסטאָרישע געשעענישנ, — לייַדנ אָבער אינ דער דאָזיקער פאָרם די געשעענישנ גופא, זיי ווערנ פארשמעלערט און פלאכשיק, דורכגעבראָכנ דורך דער שמאָלער באלעבעסלדיקער סאָציאלער פערספּעקטיוו פונ אָט דעם שיכט. אזעוו ווערט פארוואנדלט אינ א „בקשתי להודיע", סאָנינ איז א נאָוואָרעדקער באָכער, דער פּאָגראָם ווערט אופגעלייזט אינ א צופעליקנ אנעקדאָט, די טראגעדיע פונעם געהאנגע־נעם דעוואָליוציאָנער געפינט איר אָפּקלאנג אינ א מיניענ, די פראוואָזשיטעלסטווע־פייַנ לאָדט זיך אויס אינ טראגיקאָמישנ שפּיצל...

דאָ איז געקומענ צום אויסדרוק די קלאסעווע באגרענעצטקייט פונעם גרויסנ קליינבירגערלעכנ שרייבער. שאָלעם־אליינעמס געלעכטער איז ניט אימשטאנד צו באפרייענ זיך פונעם קאָשמאר פונעם צארישנ רוסלאנד. און דער גרויסער, מעכטי־קער טאלאנט פונעם גענ:אלנ יידישנ הומאָריסט איז דאָך געווענ באגרענעצט מיט די ראמענ פונ קליינבירגערלעכער דערקענטעניש.

נאָיאבער, 1934.